# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

בעזרת השי"ת ▪ פרשת כי תשא תשע"ט ▪ גליון כ'

תמצית הגליון:
- הויפט מאמר
- מוסר השכל
- צידה לדרך

**רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה** (שמות לא, א)

# ווער איז בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי?

## פארוואס האט פונקט ער זוכה געווען צו די הייליגע ארבעט?

פיל מאל טרעפן מיר זיך אין מצבים וואס איז אונז שווער, מיר וואלטן געוואלט טוהן וואס איז ריכטיג אבער עס איז שווער! אמאל איז דאס צוליב ווייל איך וויל אזוי שטארק טוהן די זאך און עס איז פשוט שווער צו מוותר זיין אויף דעם, אמאל איז דאס צוליב די חבירים, שכנים וכו' וואס איז אונז שווער צו מוותר זיין, צוליב וואס מיר ווילן זיי געפעלן. ווי אזוי קענען מיר געבן די כח פאר א מענטש אין אזא צייט, וואס זאל איהם קענען געבן די שטארקייט, קוק אויף גארנישט, האלט זיך שטארק, עס לוינט דיר!.... לאמיר זעהן פון די וואכענדיגע פרשה וואס מיר קענען ארויס לערנען אין דעם ענין....

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

### מען גייט בויען א משכן:

משה רבינו, די רבי פון כלל ישראל, נאכן הערן אלעס וואס מען דארף פארן משכן און וועגן אלע נדרים און נדבות וואס מען גייט צוזאמנעמען פון כלל ישראל, זעצט זיך לערנען בישיבה של מעלה, מיטן אייבערשטען אליין "הלכות כלי המשכן", יעדער כלי פונקטלעך ווי גרויס עס דארף זיין און גענוי ווי אזוי עס דארף אויסקוקן מיט אלע פרטים, די מנורה, די שולחן, די מזבח, וכו'. די כלים וואס ער האט נישט אזוי גוט פארשטאנען האט איהם דער אייבערשטער געוויזן גענוי איר צורה במראה של אש. אזוי איז ער געזעצן אין אדורכגעלערענט יעדער סארט כלי און מלבוש וואס מען האט נאר געדארפט פארן משכן... ביז ער האט אלעס גוט פארשטאנען.

און יעצט ב"ה, איז ער שוין גרייט, ער ווייסט שוין פונקטלעך וואס ער האט צו טוהן, און אט פיל מיט שמחה אין חשק וויל ער אראפ גיין דאס אנהייבן מאכן, ווען פלוצלינג....

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה. וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹהִים בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל מְלָאכָה** (שמות לא, א).

דער אייבערשטער זאגט פאר משה, קוק, עס איז דא א איד, א געוואלדיגע חכם מיטן נאמען בצלאל, א זוהן פון חור, וואס שטאמט פון שבט יהודה. איהם האב איך געבענטשט מיט א גייסטליכע רוח און ער קען די אלע נויטיגע חכמות וואס מען דארף האבן צו בויען די משכן. אזוי אויך, ווייסט ער גענוי ווי אזוי די אלע זאכן דארפן אויסזעהן. גיי זיך איהם אויף און געב איבער די ארבעט פאר איהם. איך וויל אז ער זאל דאס מאכן.

משה רבינו שטייט אינגאנצן פארוואונדערט, וואס גייט דא פאר? איך גיי נישט זיין דער וואס גייט דאס מאכן? זאגט איהם דער אייבערשטער, ניין! יעדער האט זיין פליכט און זיין תפקיד, דיר האב איך געגעבן די אויפגאבע פון זיין א מלך, און עס פאסט נישט פאר א מלך אז ער זאל אליין בויען זאכן, א מלך הייסט אנדערע בויען... פאר בצלאל האב איך געגעבן די פליכט צו בויען, און דאס איז זיין תפקיד אויף דער וועלט. (שמו"ר פ"מ ב)

### א חכם, ממש א פלא!

**רְאֵה קָרָאתִי "בְשֵׁם" בְּצַלְאֵל...** זאגט דער רמב"ן: דער אייבערשטער זאגט פאר משה, "געב א קוק אויף די וואונדער! קוק אויף די מענטש וועסטו זעהן קלאהר אז **וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹקִים**, ער האט עפעס א העכערקייט וואס איך האב איהם געשאנקען כדי ער זאל קענען בויען די משכן..."

**והא ראיה:** ווען מיר זאלן ארום גיין פרעגן ביים עולם: "ווער קען אדער ווייסט ווי אזוי צו בויען א משכן?", וואס וואלטן מיר געפונען? פולע ארבעטערס פון ליים און ציגעל. ווייל וועלכע ארבעט קענען דען די אידן? דאס גאנצע צייט וואס זיי האבן געארבעט טאג אין נאכט אין מצרים איז דאך נאר געווען מיט ליים אין ציגעל, בויען און שלעפן. אבער ארבעטן מיט גאלד, זילבער אדער דיימאנט שטיינער, דאס האבן זיי נאך קיינמאל נישט געלערענט, קוים וואס זיי האבן אמאל געזעהן די מאטריאל פאר די אויגן.

ווער פון זיי קען דען שלייפן אדער קריצן דיימאנט שטיינער? ווער פון זיי האבן אמאל געוועבט אדער גענייט? זייער האנט זענען ניטאמאל



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

צוגעפאסט פאר דעם. נאך אזויפיל ארבעטן אין די וועלדער און פעלדער מיט ליים און ציגעל, קען זייער הענט אפי' שוין נישט טוהן אזא דקות'דיגע ארבעט.

**איינער איז אבער דא וואס ער קען יא!**

**רְאֵה קָרָאתִי "בְשֵׁם"**, "קוק די פלא וועסטו באלד זעהן וועם איך האב אויסדערוועלט", דער אייבערשטער זאגט פאר משה: איך וועל דיר ווייזן א יונג בחור'ל, בלויז פון 13 יאר אלט[א], וואס ער קען יא אלעס, אבער נישט סתם, נאר ממש אלעס וואס מיר דארפן דא. **לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת לַעֲשׂוֹת בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף וּבַנְּחֹשֶׁת.** (פסוק ד' - ה') ער פארשטייט צו וועבן און נייען, ער פארשטייט ווי אזוי מען ארבעט מיט גאלד, זילבער און קופער. **וּבַחֲרֹשֶׁת אֶבֶן לְמַלֹּאת וּבַחֲרֹשֶׁת עֵץ לַעֲשׂוֹת בְּכָל מְלָאכָה**, ער פארשטייט צו אויסארבעטן און שלייפן דיימאנט שטיינער און ווי אזוי זיי אריינצוזעצן, ער פארשטייט צו שניידן קריצן. ער קען בויען מיט האלץ, די גאנצע פאך פון סטאלעריי, קען ער.

נישט נאר אז ער קען די פאך, ער ווייסט אויך אליין געניו וואס ער דארף טוהן, ער ווייסט ווי אזוי די כלים דארפן אויסקוקן און די פונקטליכע מאס פון יעדע זאך... אלעס וואס די האסט יעצט געלערענט, ווייסט ער שוין אליינס.

ממש א פלא פון א בחור!! בדרך הטבע, וואלט מען נישט געקענט טרעפן אזא איינער... נאר וואזשע דען, טאקע דערפאר, האב איך איהם געגעבן אזויפיל חכמה אין דעת, צו קענען בויען די משכן, ולכבודי בראתיו... און דאס אליין איז די ראיה אז ער דארף זיין דער וואס גייט דאס בויען.

**און ווי דער כתב סופר זאגט:** (אויפן פסוק וְעָשָׂה בְצַלְאֵל ויקהל לו א) **נ"ל כי באמת לא למדו מעולם**, נישט בצלאל און נישט אהליאב האבן אמאל געלערענט די אלע חכמות. דער אייבערשטער אליין האט זיי דאס אריינגעגעבן כדי זיי זאלן פארשטיין און קענען מאכן די אלע כלים פאר די משכן, און טאקע נאר פאר די איינע צוועק: צו מאכן די אלע מלאכת עבודת הקודש, אבער די חכמה האט נישט געארבעט אויף קיין שום אנדערע ארבעט וואס איז נישט געווען פארן משכן, **וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל אִישׁ חֲכַם לֵב אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה וּתְבוּנָה בָּהֵמָּה- לָדַעַת לַעֲשֹׂת אֶת כָּל מְלֶאכֶת עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ לְכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה'**, "לדעת לעשות", איז נאר פאר מלאכת עבודת הקודש און פאר אלעס וואס אשר צוה ה', אבער נישט אויף עפעס וואס דער אייבערשטער האט איהם נישט באפוילן, און טאקע באלד נאכן פארטיגן די משכן, **ולא יכלו לעשות עוד אח"כ**, עי"ש, דאס הייסט, די גאנצע חכמה און רוה"ק איז טאקע נאר געווען פאר די איינע צוועק, אז "ער" זאל זיין דער וואס זאל בויען די משכן, ווייל דאס איז זיין תפקיד!

אזוי אויך, איז די יאר געווען פונקט די יאר וואס בצלאל האט געקענט בויען די משכן און נישט פריער. ווי די גמרא זאגט (סנהדרין סט:) **וכי עבד בצלאל משכן בר כמה הוי בר תליסר**, ווען בצלאל האט געבויעט די משכן איז ער אלט געווען 13 יאר, דכתיב (שמות לו, ד) **איש איש ממלאכתו אשר המה עושים**, ער איז דעמאלטס געווארן אן "איש", א גדול. אבער איין יאר פריער, ווען ער איז נאך געווען א קטן, וואלט ער נישט געקענט בויען די משכן[ב].

## ווער איז דער בצלאל און פארוואס פונקט ער?

**בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה:** בצלאל איז געווען א זוהן פון "אורי", וואס איז געווען א זוהן פון "חור", ווער איז די זיידע "חור"? און וועמען'ס זוהן איז "חור" געווען? מיר געפונען אין תנ"ך **וַתָּמָת עֲזוּבָה וַיִּקַּח לוֹ כָלֵב אֶת אֶפְרָת וַתֵּלֶד לוֹ אֶת חוּר** (דברי הימים א ב יט) נאכן שטארבן פון זיין טאטע חצרון[ג], האט **כלב בן חצרון** חתונה געהאט מיט א אידענע וואס הייסט אפרת. ווי די מדרש זאגט, מיינט דאס מרים הנבואה שהיתה שמה אפרת (ע"ש שהיו ישראל פרים ורבים על ידיה), זיי האבן געבוירן א זוהן "חור", וואס האט געבוירן א זוהן "אורי", וואס האט געבוירן "בצלאל". דאס הייסט אז בצלאל איז געווען אן איר- אייניקל פון מרים הנבואה.

## פארוואס האט מרים און חור, זוכה געווען צו אזא זכות? זייער אייניקל זאל ווערן אויסדערוועלט ביי די 13 יאר, צו זיין דער וואס זאל בויען דעם אייבערשטען'ס הויז?

**מרים הנבואה:**

**וַיֹּאמֶר לָאָדָם 'הֵן יִרְאַת ה' הִיא חָכְמָה, וְסוּר מֵרָע בִּינָה"** (איוב כח כח): זאגט די מדרש (שמו"ר מ א), **א"ר חייא בר אבא מהו הן יראת ה'** וגו'. וואס איז פשט אין די פסוק? זאגט ר' חייא, די פשט איז אזוי, **וַיֹּאמֶר לָאָדָם** דער אייבערשטער זאגט פאר א מענטש **"אם היו לך מעשים טובים"**, אויב האסטו געטוהן מעשים טובים, וועל איך דיר געבן שכר! וואס וועט זיין די שכר? תורה! שנאמר (איוב כח כח): **"וַיֹּאמֶר לָאָדָם 'הֵן יִרְאַת ה'**', אויב האסטו יראת ה', **הִיא חָכְמָה**, וועט דיין מתנה זיין "חכמה". **וְסוּר מֵרָע בִּינָה"** ואם סרת מן הרע, און אויב ביסטו אוועקגעשטאנען פון שלעכטס, וועל איך אויפשטעלן פון דיר "בינה" **בני אדם שמבינים בתורה!**

זאגט די מדרש, פון ווי ווייס איך דאס? "מיוכבד ומרים", פון די צוויי חשוב'ע פרויען וואס האבן זיך מוסר נפש געווען זייער לעבן מחמת יראת ה'. כדכתיב (שמות א) **ותיראן המילדות את האלקים**.

א"ר ברכיה בשם ר' חייא בר אבא: די שכר פאר יראה איז "תורה". דאס זעהן מיר פון יוכבד, וואס דער אייבערשטער האט איר געגעבן א זוהן וואס האט אראפגעברענגט די תורה אויף די וועלט. און איר זוהן משה האט זוכה געווען אז די תורה זאל פארשריבן ווערן אויף זיין נאמען. שנאמר (מלאכי ג) **זכרו תורת משה עבדי וכתיב** (דברים לג) **תורה צוה לנו משה.**

---

[א] בגמרא סנהדרין סט:

[ב] וביאור מרן גרי"ז מבריסק, דעשיית המשכן וכליו היו צריכים להעשות במחשבה לשמה, וקטן לאו בר כוונה לשמה הוא, (כמבואר בגיטין כב:) ועוד י"ל דהרי קי"ל (ב"ק צט.) אומן קונה בשבח כלי, וא"כ היה צריך בצלאל למסור את הכלים לציבור אחר עשייתם, ואם היה בצלאל קטן לא היה יכול למוסרם לציבור. (ועי' בספר שי לתורה)

[ג] שנאמר וְאַחַר מוֹת חֶצְרוֹן בְּכָלֵב אֶפְרָתָה (ד"ה א ב כד)

די שכר פאר אוועקשטיין פון שלעכטס איז "בינה". דאס זעהן מיר פון מרים. **ע"י שסרה מן הרע ומן החטא העמיד ממנה הקדוש ברוך הוא בצלאל וזכה לחכמה ולבינה.** דורך דעם, וואס די באבע מרים האט זיך געהאלטן שטארק מיט א מורא'דיגע מסירת נפש און נישט געטוהן קיין שום שלעכטס פאר קיין שום איד, אפי' ווען פרעה האט איר געהייסן טוהן שלעכטס פאר די נייע געבוירענע קינדער, און איר געסטראשעט מיטן לעבן, אויב זי פירט נישט אויס זיין רצון, האט זי זיך געהאלטן ביי איר'ס. דערפאר האט זי זוכה געווען יארן שפעטער, צו א אויסדערוועלטע הייליגע אייניקל, וואס האט זוכה געווען צו חכמה עילאה און רוחה"ק און מיט די חכמה און רוה"ק געבויעט דעם אייבערשטען'ס הויז. ענדיגט צו די מדרש: **הה"ד ראה קראתי בשם בצלאל וכתיב ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה בתבונה ובדעת:**

## חור בן מרים:
## וואס האט פאסירט מיט חור?

דערציילט די מדרש[ד]: בשעת ווען עס האט זיך געטומעלט ארום די עגל, זענען די ערב רב געלאפן צו די שבעים זקנים און געבעטן אז זיי זאלן מאכן עפעס א זאך (אן ע"ז אזא), אבער די זקנים האבן נישט געוואלט הערן פון גארנישט, נאר פונקט פארקערט, זיי מוסר געזאגט, "ווי שעמט איר זיך נישט צו זיין אזא כפוי טובה און לייקענען בהשם יתברך!" זענען די רשעים געגאנגען רח"ל און אויסגעהארגעט אלע זיבעציג זקנים.

און יענע מינוט, האט זיך חור בן מרים אויפגעשטעלט מיט א געוואלדיגע קוראש און אנגעהויבן שרייען און מוסר זאגן, "ווי שעמט איר זיך נישט צו טוהן דא אזעלכע זאכן. נו, משה איז נישט דא פאר אפאר טעג, איז וואס?! נאך אלע ניסים וואס איר האט אלץ צאמגעזעהן די לעצטע שטיק צייט, קען נישט זיין א משה איז אויפן בארג אזוי לאנג אן עסן און טרינקן? ווי נעמט איר אזא חוצפה, מורד צו זיין אינעם הייליגן באשעפער, נאך אזויפיל חסדים וואס ער האט געטוהן פאר אייך?!"

אהה! חור איז אויך א מחוצף פאר זיי, ער שטערט אויך דא, **עמדו והרגו גם אותו**, האבן די רשעים איהם אויך באלד אוועקגעלייגט. און אזוי זענען זיי באלד געלאפן צו אהרן....

**דאס בלוט פון חור שנהרג על קידוש ה', ווען איז דאס נתכפר געווארן?**
זאגט די מדרש תנחומא (פקודי ו) **אלה פקודי המשכן משכן העדות:** וואס איז דער משכן אן עדות אויף? עדות לכל באי העולם, שנמחל להם על מעשה העגל. דער משכן, דער הייליגער הויז, און דעם השראת השכונה זאגט עדות אז דער אייבערשטער האט אונז מוחל געווען און ער וויל זיין מיט אונז נאנט נאכאמאל!

**בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה. - "אָהֳלִיאָב בֶּן אֲחִיסָמָךְ" לְמַטֵּה דָן**

זאגט דער חזקוני, פארוואס ביי בצלאל שטייט דער טאטע און דער זיידע **בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר**, משא"כ ביי אליהב שטייט נאר די טאטע "**אָהֳלִיאָב בֶּן אֲחִיסָמָךְ** לְמַטֵּה דָן" (לח כג), און נישט די זיידע?

זאגט דער חזקוני, ווייל טאקע דא יעצט ביי די מלאכת המשכן, וויל מען דא מכבד זיין די זיידע "חור"! וויבאלד ער איז דאך געהרג'ט געווארן על קידוש-השם ביים עגל און וויבאלד די מלאכת המשכן קומט דאך מכפר זיין אויף די מעשה עגל, דערמאנט מען דא זיין נאמען.

**אז די מאמע האט געלעבט מיט אמת'ע "מסירות-נפש", האבן די קינדער אויך געלעבט מיט "מסירות-נפש", זענען די אייניקלעך שוין געווען "בעלי רוח הקודש, בעל בינה חד בדרא !!!"**

און ווי עס ווערט געברענגט אין ספר מדבר קדש, בצלאל האט זוכה געווען צו די געוואלדיגע מעלות, נאר וועגן די זכות פון די זיידע חור שמסר נפשו לה' בענין העגל...

**אז די מאמע האט געלעבט מיט מסי"נ, האבן די קינדער אויך געלעבט מיט מסי"נ, זענען די אייניקלעך שוין געווען בעלי רוחה"ק, בעל בינה חד בדרא.**

---

**משה רבינו שטייט אינגאנצען פארוואונדערט, וואס גייט דא פאר? איך גיי נישט זיין דער וואס גייט דאס אלעס מאכן?**

זאגט דער רי"ף[ה], וכך אמר הקב"ה למשה: משה, זיי נישט מקנא אז איך האב איבערגעגעבן די מעשה המשכן פאר בצלאל און נישט פאר דיר, ווייל זיין כבוד איז באמת דיין כבוד, וויבאלד ער איז בן אורי בן חור, אן אייניקל פון דיין שוועסטער מרים, א"כ הרי כבודו הוא כבודך. **רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה.** זעה ווער דאס איז און וועמענ'ס אייניקל דאס איז, וועסטו פארשטיין אז דאס איז א כבוד פאר דיר.

און אזוי אויך, גיי בארואיג די שבטים. זאג זיי אז זיי זאלן נישט האבן א שווער הארץ אז מען נעמט פונקט בצלאל און נישט קיינעם אנדערש. ווייל הרי הוא **בֶּן אוּרִי בֶן חוּר**, געבט א קוק ווער די זיידע איז דא. זיי האבן דאך געהארגעט זיין זיידע ביי די מעשה העגל. אויב אזוי, מוז דאך קומען זיינס אן אייניקל און מכפר זיין אויף די זינד וואס מען איז באגאנגען אנטקעגן איהם. דערפאר שטייט אין פרשת ויקהל **וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רְאוּ קָרָא ה' בְּשֵׁם בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר** (שמות לה ל). טייערע ברודער, זאגט משה: קוקט ווער דאס איז, ווער איר זעהן ווי וויכטיג עס איז אז דער משכן זאל געבויעט ווערן דווקא דורך איהם, וויבאלד ער איז דאך **בן אורי בן חור...**

---

[ד] מעם לועז כי תשא פרק לב

[ה] רי"ף פרק הרואה בעין יעקב הובא במעם לועז פרק לא פסוק ב'

## די זכותים פון די עלטערן ווערן אוועקגעלייגט פאר די אייניקלעך!

די גמרא זאגט אין מו"ק (כח.) **בני חיי ומזוני לא בזכותא תליא מילתא אלא במזלא**, דריי זאכן ווענדט זיך נישט אין די אייגענע זכותים, נאר אינעם מזל... פרעגט דער ר"ר אלימלך[1], פארוואס טאקע? פארוואס טאקע באקומט מען דאס נישט בזכות עצמו? ועוד, און נאכמער. במזלא תליא? די זאכן קומען דען דורך א מזל? די גמרא זאגט דאך (שבת קנו.) **אין מזל לישראל!** די אידן זענען העכער פונעם מזל."

זאגט דער הייליגער ר"ר אלימלך, א יסוד גדול ונורא. **ונראה כוונת חז"ל**, וויבאלד די דריי זאכן זענען א שטארקע צורך פארן וועלט בתמידות בלי הפסק, האט דער אייבערשטער, ברוב רחמיו וחסדיו, געמאכט אזוי אז די זאכן דייקא זאל נישט זיין אנהענגיג אין די אייגענע זכותים פונעם מענטש, ווייל ווער דען ווייסט צו ער וועט שטענדיג זוכה זיין צו דעם?

וואס האט דער אייבערשטער געטוהן? ער האט גענומען די דריי זאכן און דאס אנגעהאנגן ווי אין א מזל, אבער נישט אין א אמת'ער מזל, נאר אין די זכותים און די מצות פון אונזערע עלטערן, וואס זענען געווארן פאר אונז ווי א מזל, דהיינו די זכותים ווערן אוועקגעלייגט ווי אין אן אקאונט, אז עס זאלן שפעטער קענען קומען די קינדער און די אייניקלעך און נהנה זיין פון די זכותים און באקומען די דריי השפעות (בני חיי ומזוני) בחנם. דערפאר איז דאס "ווי א מזל", אז אפי' טאמער ח"ו וועלן די קינדער נישט זיין ראוי, וועט מען זיי נישט דן זיין, נאר זיי וועלן קענען נהנה זיין פון די זכותים וואס מען האט אוועגעלייגט פונעם זיידן, ווי גלייך עס איז א מזל זאך.

זאגט דער ר"ר אלימלך ווייטער, און די מצות וואס די קינדער וועלן טוהן **הקב"ה מצפין אותם גם כן לבניהם אחריהם**, טוט דער אייבערשטער באהאלטן אויף פאר זייערע קינדער **וכן לעולם.**

**וזה באמת אין מזל לישראל**, באמת איז נישט דא קיין שום מזל ביי א איד וואס איז משפיע, נאר זיי האבן אזא מין זאך וואס איז ווי א מזל, דער טאטע'ס און די זיידע'ס זכותים, ווערן אוועקגעלייגט פארן אייניקל.

[1] פרשת עקב ועוד נראה לפרש

[2] עפימ"ד בפסיקתא הובא במדרש ילקוט מלכים א ו

## צידה לדרך

**דער זיידע יצחק איז אויך צוניץ געקומען ביים משכן!**

עס ווערט געברענגט אין מדרש[2]: **בכ"ה בכסלו נגמר מלאכת המשכן, ועשה מקופל עד א' ניסן וכו'**, די משכן איז באמת פערטיג געווארן כ"ה כסלו, אבער מען האט דאס נישט אנגעהויבן ניצן ביז א' ניסן. פארוואס? זאגט די מדרש, **שהקב"ה חשב לערב שמחות המשכן בחודש שנולד בו יצחק...** דער אייבערשטער האט געווארט מיט די משכן כדי צו מערב זיין די שמחה מיט נאך א שמחה, די שמחה פון לידת יצחק. זאגט דער רבי, דער דברי יואל זי"ע (כי תשא) די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געווארט מיטן משכן איז געווען וויבאלד כלל ישראל האט נישט געהאט דעמאלטס אזויפיל זכותים, מען האט געדארפט א צירוף פון נאך זיכותים, דערפאר האט דער אייבערשטער געווארט ביז לידת יצחק, צו קענען מצרף זיין אויך די זכות פונעם זיידן יצחק...

## מוסר השכל

**וואס קענען מיר זאגן** פאר א מענטש אין א צייט וואס איז שווער פאר איהם צו טוהן וואס איז ריכטיג?

ווי אזוי נעמט ער די שטארקייט, יא צו טוהן וואס איז ריכטיג, על אף די שווערע מצבים, חבירים, סביבה וכו'?

**מיר קענען איהם זאגן איין ווארט!!** טראכט פון די עתיד... אויב קענסטו דאס נישט טוהן פאר דיר, טוה עס כאטש פאר דיינע קינדער און אייניקלעך! וואס טוהט דען נישט א מענטש פאר זיינע קינדער?

טראכט וואס מען באקומט פאר דעם, וואלט איינער אויפגעטוישט א קינד ווי משה רבינו אדער א קינד ווי בצלאל פאר סיי וועלכע שוועריגקייט? ווען מיר וואלטן געקענט זעהן די ספר של אדם הראשון, אזוויי דער אייבערשטער האט געוויזן פאר משה, דור דור ודורשיו.. די בלוי פרינט, ווי מען זעהט געניי ווער גייט זיין וואס, און דו קענסט זיך אויסוועלן אזא גרויסע אייניקל אדער זוהן, וואלסטו דען נישט געכאפט איינס?

טראכט נישט פון ווי גרויס די שוועריגקייט איז, טראכט ווי גרויס די זכות פון די שוועריגקייט איז!! ווען מען גייט דאס אדורך, וואס ברענגט עס פאר דיר? טראכט פון די השפעות וואס די גייסט ברענגן, ישועות און רפואות!
אלץ גרעסער די נסיון, אלץ גרעסער וועלן זיין די נשמות פון דיינע קינדער און אייניקלעך. ווי מער זכותים די זאמלסט, אלץ מער וועלן דיינע קינדער און אייניקלעך קענען ארויסנעמען פון דיין אקאונט.

**נאך אלעם, אפשר ביסטו יעצט אויך נהנה פון דיין זיידע'ס אקאונט?!**

**וויפיל יאר ניצן מיר שוין די זכות פון אונזערע הייליגע אבות, יאר נאך יאר, זכור ברית אברהם ועקידת יצחק! ווער ווייסט אפצושאצן וויפיל יאר מען וועט ניצן דיין זכות...**

**עס איז טאקע יעצט אביסל שווער אבער פאר אזא לעכטיגען עתיד, אזעלכע דורות ישרים ומבורכים לוינט זיך עס!!!**

**שיקט אריין הערות אויף די וואכענדיגע נושא**
צו: torah10952@gmail.com